ווערטער בהחלת פירושו אדער בסוף פירושו - פארוואס שטעלט ער זיי אינמיטן?

נאכמער, אז מ'גיט א קוק אין די פריערדיקע פירושי רש"י, אין די פסוקים הקודמים, זעט מען אז זייער תוכן איז אויך "מפורש במנחות" - און אעפ"כ זאגט דאס ניט רש"י דארטן; שטעלט זיך די שאלה: פארוואס זאגט ער דאס דא?

אויך איז ידוע דער דיוק הכללי, אז בשעת רש"י ברענגט פון מדרש וגמרא איז דרכו צו שרייבן סתם "כך דרשו רבותינו", ניט אנווייזנדיק קיין מ"מ; בשעת רש"י צייכנט צו וואו דער דרש איז, איז אין דעם פאראן א כוונה מיוחדת, אז אזוי ווי דער דרש שטייט בכ"מ, זאל מען וויסן אז דא איז נוגע א געווויסער ארט[164] -

דארף מען פארשטיין אויך בפרש"י זה, וויבאלד אז דער דרש דא שטייט מערניט ווי אין מס' מנחות - איז פארוואס זאגט ניט רש"י סתם "כך מפורש בדברי רבותינו", נאר ער צייכנט אן אז "כך מפורש במנחות"?

מיט נאך כמה דיוקים, וכפי שיתבאר לקמן.

[מאמר המוסגר: אז מ'רעדט שוין וועגן פרש"י, איז כאן המקום צו מעורר זיין בהמשך צו דעם וואס מ'האט גערעדט בשבועות הקודמים[165] וועגן דעם אז רש"י חזר'ט איבער כמה פעמים בתורה זיין פירוש אויף "אביב" (אין פ' וארא[166], פ' כי תשא[167], ועוד) -

אז בפ' ויקרא[168] איז רש"י מפרש דעם ענין נאכאמאל, ובשינויים - דארף מען פארשטיין:.א) פארוואס חזר'ט דאס רש"י איבער נאכאמאל, סיי אין פ' כי תשא און סיי אין פ' ויקרא, ב) די שינויים פון פרש"י בכל מקום.

און אע"פ אז ש"פ ויקרא איז געווען א התוועדות, און מ'האט גערעדט א פרש"י - איז לא פגע ולא נגע: קיינער האט זיך אויף דעם ניט אפגעשטעלט].

מ. אין די הערות אויף זהר שטעלט ער זיך[169] אויף דעם וואס ער ברענגט אין זהר[170] בענין הקרבנות, אז די שריפה הקרבנות איז דורך אן ארי' של אש, און ער ברענגט דאס אין צוויי לשונות: "כחיזו דחד אריא תקיפא רביע על טרפי'", און "אתחזי כארי' רברבא רביע על קרבנא".

- איז -

------------

164) ראה לקו"ש חי"ג ע' 101. ובכ"מ. 165) שיחות ש"פ משפטים וש"פ תרומה. 166) ט, לא. 167) לד, יח. 168) ב, יד. 169) לקוטי לוי"צ לזח"א ע' ריג. 170) זח"ג לב, ב.

איז דער טאטע מבאר אין דער הערה: "דוק בלישנא, מקודם נקט אריא תקיפא רביע על טרפי', וכאן נקט כארי' רברבא רביע על קרבנא, שינה מתוקפא לרברבא, ומטרף לקרבן. והיינו, כי ארי' רומז על גבורה . . וכתיב[171] פני ארי' אל הימין ה"ה רומז על חסד, והוא כמו אור הגבורה בכלי החסד", "וכמו פרשה ראשונה דק"ש".

און ער איז מבאר אז "תקיפא" און "טרפי'" איז בחי' גבורה, און "רברבא" (גדלות) און "קרבנא" איז בחי' חסד.

לכאורה וואלט מען געקענט מבאר זיין, אז די צוויי ענינים אין קרבן, חסד און גבורה, זיינען דאס וואס מ'זאגט בנוגע צו קרבנות "נחת רוח לפני שאמרתי ונעשה רצוני"[172], וואס אין דעם זיינען דא צוויי ענינים: א) "נחת רוח", המשכה מלמעלמ"ט, ענין החסד, ב) "ונעשה רצוני", די הקרבה הקרבנות למטה, וואס דאס איז העלאה מלמטלמ"ע, ענין הגבורה.

אין דער הערה הנ"ל איז אבער משמע אז די ענינים פון חסד וגבורה דא זיינען אין איין פעולה, אין איין ענין, ווי ער ברענגט די דוגמא לזה פון פרשה ראשונה דק"ש, אז דאס איז אור החסד בכלי הגבורה, וואס דארטן זיינען דער כלי און דער אור (חסד און גבורה) אין דער זעלבער פרשה - משא"כ דער "נחת רוח" מיטן "ונעשה רצוני" זיינען צוויי באזונדערע ענינים (וואס איינער ברענגט צו דעם צווייטן).

דארף מען פארשטיין וואס איז דער ענין אין קרבנות, אז אין דעם זעלבן ענין גופא זיינען דא ביידע ענינים פון חו"ג.

עד"ז דארף מען האבן דעם ביאור, וואס זיינען די ענינים הנ"ל אין עבודת האדם, ווארום אלע ענינים אין תורה זיינען דאך הוראות בעבודת האדם,

ביז ווי ער איז מבהיל אין זהר פ' בהעלותך[173] די וואס זאגן אז תורה איז סיפורים, ומזה מובן אויך בנוגע לענין הנ"ל, אז דער סיפור וועגן דעם שכר "נחת רוח לפני שאמרתי ונעשה רצוני" האט אויך אין זיך א הוראה בעבודת האדם.

וכפי שיתבאר לקמן.

מא. כאן המקום להוסיף כמה נקודות אין דעם וואס מ'האט גערעדט אין דער פריערדיקער התוועדות[50] וועגן דעם וואס עס שטייט אין זהר[174] אז "בההוא נייחא דארעא אצטריכו עבדין נייחא".

- וואס -

------------

171) יחזקאל א, י. 172) ספרי ופרש"י עה"פ פינחס כח, ח. 173) זח"ג קנב, א. 174) ח"ג קח, א.



הנחה הח' בלתי מוגה